סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן

תשפ"ג

309

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בַּיי אַ תְּפִלָּה דַארְף מֶען צוּלֵייגְן דִי וֶוערְטֶער 'נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט פַאר מִיר'?............א

פָּארְן קַיין אוּמַאן וֶוען דִי וַוייבּ וַוארְט אַ שִׂמְחָה?..................................................ג

וֶוען מֶען הֶערְט אַ בְּרָכָה אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, עֶנְטְפֶערְט מֶען אָמֵן?....................ה

וְוִי אַזוֹי פּוֹעֶלְ'ט מֶען בַּיי דִי וַוייבּ אָנְצוּטוּן טֵייץ פַאר דִי קְלֵיינֶע מֵיידְל?.......................ו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן 'וָואס אִיז יֶעצְט רְצוֹן הַשֵּׁם?' אוּן דָאס זָאל מֶען טוּן.......................א

זַיי זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דָאס בִּיסְל וָואס דוּ טוּסְט יָא..................................................ב

מַאךְ נָאךְ דֶעם רֶבִּי'ן, גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת..................................................ג

לֶעבְּן מִיט שֵׂכֶל אִין שְׂטוּב..................................................................ד

חַבֶר'ט זִיךְ מִיט דִי וָואס זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, וָואס פַארְגִינֶען
אוּן מַאכְן נִישְׁט חוֹזֶק פוּן אַנְדֶערֶע..................................................ד

זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם............ה

נִישְׁט קוּקְן אִין אַ צְוֵוייטְנְ'ס טֶעלֶעפָאן, עֶס בְּרֶענְגְט נָאר קָאפּ וֵויי.......................ו

פְּרֶעגְט אַייעֶרֶע סְפֵיקוֹת אוּן בַּאקוּמְט גוּטֶע עֵצוֹת.......................................ז

זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע פְרַיינְדְשַׁאפְט.......................................ח

נִישְׁט מוּטְשֶׁען דִי עֶלְטֶערְן, מוּטְשֶׁען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.......................................ט

פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס..................................................י

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, עֶר אִיז מִיט דִיר בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר.............יב

אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי בְּרִידֶער בַּיים שְׁוִוימֶען..............................................יג

צוּרִיק דִי אַלְטֶע גוּטֶע אוּן אֵיידֶעלֶע תַּלְמִידָה ........................................ יג

אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ אֵיידְלְקֵייט, צוּ דִי תּוֹרָה אוּן צוּ גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן צַדִיקִים.............. יד

זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיוּת אוּן פַאר דִי אֵייגֶענֶע רוּחָנִיוּת........................ טו

אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעפִילְן פוּן אַנְדֶערֶע...................................... טז

אַרוֹיס פוּן דִי פְּחָדִים דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת........................................ טז

זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען .......................... יז

דִי קוּנְטְרֵס לִיכְט פוּן אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי שֵׁיין, פִּינְקְטְלִיךְ אוּן
גֶעשְׁמַאק אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט................................................ יח

זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' אוּן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט.................. יט

דִי גַבָּאִים דַארְפְן זָארְגְן דִי מִתְפַּלְלִים זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן הַנָאָה הָאבְּן אִין שׁוּל .........כ

רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ בַּייצוּשְׁטֵיין דִי נִסְיוֹנוֹת .........כ

גֵיין אָנְגֶעטוּן בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ .......................................... כא

חַזֶר'ט זִיךְ דִי וֶוערְטֶער 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט', דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת......כב

וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל, דַארְף מֶען קוּמֶען מִיט רֶעסְפֶּעקְט.............................כב

דַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ צוּרִיק אָנְטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין........................... כג

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיר הֶעלְפְן מִיט מַיין נְסִיעָה קַיין אוּמַאן ........................כד

בּוֹי זִיךְ אַ מִקְדָשׁ מְעַט אוּן לֶעבּ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן ..........................כד

מִשְׁנַיוֹת אוּן תְּפִילָה וֶועט דִיר הֶעלְפְן ........................................... כה

דִי וָואס בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן, הֶעלְפְן אִין יְשִׁיבָה,
הָאבְּן מֶער שַׁאנְס צוּ בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן................................................כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**בַּיי אַ תְּפִלָּה דַארְף מֶען צוּלֵייגְן דִי וֶוערְטֶער 'נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט פַאר מִיר'?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט, עֶס הָאט מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

אִין מַיין שׁוּלֶע, אוּן אִיךְ מַיין אוֹיךְ אִין אַלֶע אַנְדֶערֶע שׁוּלֶעס, לֶערְנְט מֶען אוֹיס אַז וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאךְ, זָאל מֶען אַלֶעמָאל צוּלֵייגְן אוּן בֶּעטְן נָאר 'אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט פַאר מִיר', וַוייל עֶס קֶען זַיין אַז מֶען וֶועט פּוֹעֵל'ן עֶפֶּעס וָואס אִיז נִישְׁט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ. אָבֶּער בַּיי רוּחָנִיּוּת דַארְף מֶען דָאס נִישְׁט צוּלֵייגְן, וַוייל עֶס אִיז אֵייבִּיג גוּט.

מַיינֶע לֶערֶערִינְס רֶעדְן אַסַאךְ פוּן דֶעם, אָבֶּער אִיךְ בַּאקוּם נֶערְוְון פוּן דֶעם, עֶס שְׁטֶערְט מִיר צוּ בֶּעטְן נָארְמַאל, וַוייל אִיךְ זָאג אִיבֶּער טוֹיזְנְט מָאל 'אִיךְ דַארְף עֶס נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט פַאר מִיר', אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט נָארְמַאל קָאנְצֶענְטְרִירְן אוֹיף מַיינֶע תְּפִילוֹת; אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען דַארְף דָאס טַאקֶע זָאגְן, אוֹיבּ אִיז טַאקֶע אַ פְּרָאבְּלֶעם וֶוען מֶען לֵייגְט נִישְׁט צוּ דִי וֶוערְטֶער צוּ דִי תְּפִילוֹת?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס מֶען קֶען טוּן אַז דִי הִתְבּוֹדְדוּת זָאל גֵיין בֶּעסֶער אוּן גְרִינְגֶער; אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער גֶעוֶוענְלִיךְ אַרְבֶּעט עֶס בַּיי מִיר אַז נָאר אוֹיבּ עֶס לִיגְט מִיר עֶפֶּעס פִּינְקְט שְׁוֶוער אוֹיף מַיין הַארְץ, נָאר דֶעמָאלְט

קֶען אִיךְ רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ גֵייט מִיר גוּט הוֹיבּ אִיךְ אָן רֶעדְן אוּן אִיךְ בְּלַייבּ שְׁטֶעקְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ פְּלוּצְלוּנְג נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחִיֶ'**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**זַייט אַייךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן גָארְנִישְׁט, רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נַאטִירְלִיךְ, בֶּעטְס אִים יֶעדֶע זַאךְ אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט אַ טַאטֶע אוּן מֶען רֶעדְט צוּ אַ פְרֵיינְד; בֶּעטְס אִים אַלֶעס וָואס אִיר ווִילְט, בֶּעטְס אִים מִיט רַחְמָנוּת, נִישְׁט מִיט עַקְשָׁנוּת. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצו)**: "אָסוּר לָאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים", נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן, "אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יִתֵּן", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן - אִיז גוּט, "וְאִם לָאו, לָאו", אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן - אִיז נִישְׁט.**

**דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (אָבוֹת ב, יג)**: "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְּזֵלָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט** (מִשְׁלֵי כב, כג)**: "'וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ', הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִלָּתוֹ", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער אָדֶער אַנְדֶערֶע גֶעבֶּעטְן - טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, "כִּי זֶה הוּא תְּפִלַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה, רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל".**

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כְּבֶן הַמִּתְחַטֵּא לִפְנֵי אָבִיו וְעוֹשֶׂה לוֹ רְצוֹנוֹ" (תַּעֲנִית יט.).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פָארְן קַיין אוּמַאן וֶוען דִי וַוייבּ וַוארְט אַ שִׂמְחָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען דִי וַוייבּ לָאזְט פָארְן קַיין אוּמַאן; אִיךְ דַאנְק טַאקֶע דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיף דֶעם. אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר זֶענֶען זִיךְ בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם מְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס מִיר הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן מַיין וַוייבּ ווִיל אִיךְ זָאל פָארְן קַיין אוּמַאן.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז מִיר וַוארְטְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אוֹיף אַ שִׂמְחָה אוּם סוּכּוֹת צַייט, אוּן מַיין וַוייבּ אִיז נֶערְוֶועז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זִי וֶועט נִישְׁט זַיין רוּאִיג; אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווִיל זִי אוֹיךְ אַז אִיךְ זָאל זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן פּוֹעֵל'ן פַאר אוּנְז אַ גוּט יָאר, זִי ווייסְט נִישְׁט וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּנְז גֶעבְּן אַן עֵצָה אִיבֶּער דֶעם?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, אוּן אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטְ'עֶ זַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכ): "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם,

סִימָן תגו): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי מִיר אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי", אוּן עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, אוּן זֵיי זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר, "וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה", פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מוֹדִיעַ זַיין פַּאר אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? "אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן, "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", וַוייל מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה, שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה", אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אִיךְ וֵויס וָואס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", אוּן נִישְׁט נָאר עֶנְק זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה - "אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תו): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים", רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶענֶען אַלֶע בַּאקוּמֶען אַ תִּיקוּן פוּן אִים, "מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן", אֲפִילוּ דִי וָואס עֶר קֶען נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין דוּרְכְן יָאר, "אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן", אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶענֶען זֵיי אוֹיךְ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר תִּיקוּן, "אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים", אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי קֶען זֵיי דוּרְכְאוֹיס דֶעם יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר אַלֶעמֶען מְתַקֵּן זַיין, "כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה מַאכְט דֶער רֶבִּי אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע תִיקוּנִים, דֶערִיבֶּער זָאלְן אַלֶע קוּמֶען צוּ אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַז דַיין וַוייבּ דַארְף הָאבְּן אִין דִי צַייט פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן זִי ווִיל דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן מִיט אִיר - קֶענְסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט אִיר, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (שַׁבָּת קנא:): "חַלֵּל עָלָיו שַׁבָּת אֶחָד", עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען פַארְשְׁוֶועכְן

אֵיין שַׁבָּת - "כְּדֵי שֶׁיִּשְׁמֹר שַׁבָּתוֹת הַרְבֵּה", כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען הִיטְן אַסַאךְ שַׁבָּתִים; אַזוֹי אוֹיךְ, עֶנְדֶערְשׁ אֵיין יָאר נִישְׁט קוּמֶען, נִישְׁט אִיבֶּער רַייסְן דֶעם שְׁטְרִיק - אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען קוּמֶען אַלֶע יָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוען מֶען הֶערְט אַ בְּרָכָה אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, עֶנְטְפֶערְט מֶען אָמֵן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים אוּן עֶס גֶעבְּט מִיר אַזוֹיפִיל חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אוֹיבּ אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן הֶערְן אַ שִׁיעוּר אוּן אִיךְ הֶער וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַאכְט אַ בְּרָכָה, דַארְף אִיךְ עֶנְטְפֶערְן אָמֵן? מַיין שְׁאֵלָה אִיז סַיי וֶוען אִיךְ הֶער אוֹיס בְּשַׁעַת דִי שִׁיעוּר וֶוערְט גֶעגֶעבְּן, אוֹיף אַ לַייְוו הוּקְאָפּ, אוּן אוֹיךְ וֶוען מֶען הֶערְט אִיבֶּער דֶעם שִׁיעוּר שְׁפֶּעטֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּה מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן וֶוען מֶען הֶערְט זִיךְ אֵיין אִין רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצה): "וֶוען אִיר וָואלְט גֶעטְרָאפְן אַן אוֹצָר, וָואלְט אִיר דָאךְ זִיכֶער אַהִין גֶעלָאפְן גְרָאבְּן צוּ זוּכְן וִוי מֶער מֶען קֶען נֶעמֶען פוּנֶעם אוֹצָר אוּן אִיר וָואלְט נִישְׁט גֶעקוּקְט צִי אִיר וֶוערְט שְׁמוּצִיג, נָאר אִיר וָואלְט אַרַיין גֶעקְרָאכְן אִין בְּלָאטֶע אַבִּי צוּ נֶעמֶען פוּנֶעם אוֹצָר. אִיךְ בִּין דָאךְ

אַן אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, פַארְוָואס לוֹיפְט אִיר מִיךְ נִישְׁט נָאךְ צוּ נֶעמֶען פוּן מַיין אוֹצָר?" הָאט אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען פוּן דֶעם אוֹצָר?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עִם הַפֶּה וְהַלֵּב צְרִיכִין לַחְתּוֹר וּלְבַקֵּשׁ", מִיטְן פִּיסְק אוּן מִיטְן הַארְץ, "בְּפִיךְ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂוֹתוֹ".

אַז מֶען הֶערְט אַ בְּרָכָה פוּן אַ רִיקָארְדִינְג עֶנְטְפֶערְט מֶען נִישְׁט אָמֵן, וַוייל דִי בְּרָכָה אִיז נִישְׁט פוּן יֶעצְט, אוּן אוֹיב מֶען הֶערְט אַ בְּרָכָה אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן בִּשְׁעַת דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט דִי בְּרָכָה - דֶעמָאלְט מֶעג מֶען עֶנְטְפֶערְן אָמֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי פּוֹעֵל'ט מֶען בַּיי דִי וַוייבּ אָנְצוּטוּן טֵייץ פַאר דִי קְלֵיינֶע מֵיידְל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין טָאכְטֶער אִיז פִיר אוּן הַאלְבּ יָאר אַלְט, אוּן מַיין וַוייבּ ווִיל אִיר נִישְׁט אָנְטוּן קַיין טֵייץ, נָאר שְׁטְרִימְפּ. עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אָבֶּער מַיין וַוייבּ זָאגְט אַז אִיר הַארְץ לָאזְט אִיר דָאס נִישְׁט טוּן, וַוייל עֶס לִיגְט אִיר נָאךְ אִין דִי בֵּיינֶער וֶוען זִי אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין מֵיידְל אִין דֶעי קֶעמְפּ אוּן זִי אִיז גֶעוֶוען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע אִין אִיר קְלַאס ווָאס אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט טֵייץ, אוּן אִיר לֶערֶערִין פְלֶעגְט חוֹזֶק מַאכְן פוּן אִיר. סְפֶּעצִיעֶל וֶוען דִי לֶערֶערִין פְלֶעגְט אָנְטוּן דִי קִינְדֶער נָאכְן שְׁווִימֶען, אוּן עֶס אִיז אִיר גֶעוֶוען שְׁוֶוערֶער אִיר אָנְצוּטוּן וַוייל זִי הָאט גֶעהַאט טֵייץ; פְלֶעגְט דִי לֶערֶערִין שְׁפֶּעטְן פוּן אִיר, חוֹזֶק מַאכְן פוּן אִיר אוּן עֶס הָאט אִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן.

מַיין וַוייבּ זָאגְט אַז וֶוען אוּנְזֶער מֵיידְל וֶועט וֶוערְן פִינְף יָאר, דֶעמָאלְט וֶועט זִי אִיר אָנְטוּן טֵייץ.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִיר וֶועגְן דֶעם; ווָאס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵייעֶר אַסַאךְ וָואס הָאבְּן אַ פַּיינְטְשַׁאפְט צוּ אֵיידְלְקֵייט אִיז דָאס וַוייל מֶען הָאט זֵיי פַארְשֶׁעמְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, מֶען הָאט גֶעלַאכְט פוּן זֵיי, אָדֶער מֶען הָאט זֵיי אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי זַאךְ פוּן צְנִיעוּת מִיט כֹּחַ, נִישְׁט מִיט לִיבְּשַׁאפְט; בִּיז עֶס אִיז זֵיי אַזוֹי שְׁלֶעכְט - אַז זֵיי וִוילְן נָאר גֵיין אָנְגֶעטוּן נִישְׁט אֵיידְל, נִישְׁט שֵׁיין; אַלֶעס קוּמְט פוּן נִישְׁט גוּט מְחַנֵךְ זַיין.

אַ וַוייבּ קֶען מֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען, אַ וַוייבּ קֶען מֶען נִישְׁט הֵייסְן וָואס צוּ טוּן; מֶען קֶען שֵׁיין רֶעדְן, מֶען קֶען שְׁמוּעֶסְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פוּן דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל, אוּן מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה אוּן אַסַאךְ טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בִּיז עֶס גֵייט אַרַיין אַ רוּחַ טָהֳרָה אִין אִיר.

גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט "מִיט גוּטְנְס פּוֹעֶל'ט מֶען בֶּעסֶער וִוי מִיט שְׁלֶעכְטְנְס"; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ מֶען זֶעט מֶען הָאט יָא גֶעפּוֹעֶל'ט מִיט שְׁלֶעכְטְן, זָאל מֶען וִויסְן אַז מֶען וָואלְט דָאס גֶעקֶענְט פּוֹעֶלְ'ן אַסַאךְ גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער מִיט גוּטְן".

מִיט אַ וַוייבּ אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי גֵיין מִיט כֹּחַ, מִיט אַ וַוייבּ דַארְף מֶען גֵיין זֵייעֶר אֵיידְל, זֵייעֶר וֵוייךְ; מִיט כֹּחַ קֶען מֶען גָארְנִישְׁט פּוֹעֶלְ'ן, מִיט כֹּחַ מַאכְט מֶען נָאר עֶרְגֶער; בִּפְרַט וֶוען מֶען וִויל פּוֹעֶלְ'ן אַ גֶעפִיל אִין אַזֶעלְכֶע הַייקֶעלֶע זַאכְן וִוי אָנְטוּן דִי קִינְדֶער אִידִישׁ אוּן אֵיידְל - דַארְף מֶען דָאס מַאכְן מִיט אַ זִיסְקֵייט אוּן אַ הֵיילִיגְקֵייט, מֶען דַארְף כְּסֵדֶר אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרִימֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קְלֵיידֶער.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אִין אִידִישׁ פַאר דִיר, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת, אַז אִיר אַלֶע זָאלְן גֵיין אִין דִי אִידִישֶׁע וֶועג, אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג, לִיבּ הָאבְּן דֶעם אִיד אוּן פַיינְט הָאבְּן דֶעם נִישְׁט אִיד, פַיינְט הָאבְּן סִטְרָא אַחֲרָא, פַיינְט הָאבְּן קְלִיפּוֹת.

גֵיין אוֹיסְגֶעטוֹן אִיז נִישְׁט שַׁיין, גֵיין אוֹיסְגֶעטוֹן אִיז עֶקְלְדִיג אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט דָאס לִיבּ - דַארְף מֶען וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אַ רֵיינֶעם הַארְץ, אַ רֵיינֶעם מֹחַ, גֶעבּ מִיר אַ גֶעפִּיל אִין אִידִישְׁקֵייט".**

אִינְגֶעלַייט קוּמֶען צוּ מִיר וֵויינֶען אַז עֶס אִיז אַרַיין אַ רוּחַ רָעָה אִין זֵייעֶר וַוייבּ, אַ שֵׁ-ד הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין זֵיי, פְּלוּצְלוּנְג טוּעֶן זֵיי אָן הוֹיזְן אוּן לָאזְן וַואקְסְן דִי הָאר, זֵיי גֵייעֶן אִין שְׁטוּבּ מִיט אַן אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע קָאפּ, שְׁמִירְן דִי נֶעגְל הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; זֵיי וֵויינֶען אוּן פְרֶעגְן, וָואס קֶענֶען מִיר טוּן? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: "נִישְׁטָא קַיין עֵצָה, מֶען קֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען אַ וַוייבּ וָואס צוּ טוּן אוּן מֶען קֶען נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּבּ פַּאר דִי זַאכְן, עֶס אִיז נָאר דָא דִי אֵיין עֵצָה, רֶעדְן זֵייעֶר וַוייךְ אוּן שַׁיין צוּ זֵיי, מִיט אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט, אוּן גִיסְן טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'עַד יֵעָרֶה עָלֵינוּ רוּחַ מִמָּרוֹם'" (יְשַׁעְיָ' לב, טו).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן 'וָואס אִיז יֶעצְט רָצוֹן הַשֵּׁם?' אוּן דָאס זָאל מֶען טוּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

"לַכֹּל זְמָן וְעֵת לְכָל חֵפֶץ תַּחַת הַשָּׁמָיִם" (קֹהֶלֶת ג, א), יֶעדֶע זַאךְ הָאט זִיךְ זַיין צַייט; יֶעצְט וֶוען אִיר הָאט קְלֵיינֶע פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער - אִיז אַייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - זַיין מִיט זֵיי אִין שְׁטוּבּ; זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי; דָאס אִיז יֶעצְט אַייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. גֵיין הֲפָצָה, אָדֶער גֵיין צוּ שִׁיעוּרִים וְכַדוֹמֶה - אִיז זֵייעֶר גוּט וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט דִי קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער אִין דִי צַייט וָואס דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן וְכַדוֹמֶה; אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין שְׁטוּבּ, דִי קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיף - אִיז דֶער ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן מִיט זֵיי; מֶען דַארְף אַלְץ טְרַאכְטְן 'וָואס אִיז יֶעצְט רָצוֹן הַשֵּׁם?' אוּן דָאס זָאל מֶען טוּן.

דֶער אַבְנֵי נֵזֶר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל זִיךְ אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, בִּיז דֶער דָאקְטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען פַאר אַ שְׁטִיק צַייט; עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם קָאצְקֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט, עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר לא, כה) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל צֵיילְן ווִיפִיל בְּהֵמוֹת עֶס אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי שָׁלָל פוּן מִדְיָן, ווִיפִיל אֵייזְלֶען, ווִיפִיל אָקְסְן;

שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל צֵיילְן אֵייזְלֶען? צֵיילְן אָקְסְן? מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דֶער רַבָּן שֶׁל יִשְׂרָאֵל גֵייט אַרוּם בַּיי אַלֶע שְׁטִיבֶער אוּן צֵיילְט בְּהֵמוֹת?! נָאר וָואס דֶען, מֶען טוּט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט; יֶעצְט זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער 'גֶעבּ דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן' - טוּט עֶר דָאס, 'יֶעצְט צֵייל בְּהֵמוֹת' - טוּט עֶר דָאס; עֶר הָאט אִים מִיט דֶעם מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אַז יֶעצְט דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּרוּעֶן, דָאס אִיז רְצוֹן הַשֵּׁם; טוּט מֶען דָאס.

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אִידִישֶׁע מַאמֶעס; וֶוען מֶען הָאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ אִיז רְצוֹן הַשֵּׁם זֵיי אוֹיפְצִיעֶן, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער - קֶען מֶען גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיי זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דָאס בִּיסְל וָואס דוּ טוּסְט יָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַארְפְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן טוּן אַסַאךְ, טְרַאכְט פוּן אַבִּיסְל; זָאג אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, זָאג אֵיין בְּלַאט גְמָרָא, אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אוּן זַיי זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דָאס בִּיסְל וָואס דוּ לֶערְנְסְט. קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ אַז דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעקֶענְט לֶערְנֶען מֶער; הוֹיבּ זִיךְ אוֹיף מִיט וָואס דוּ טוּסְט יָא, לוֹיבּ זִיךְ אוֹיס אוֹיף דָאס בִּיסְל וָואס דוּ טוּסְט.

דִי וֶועלְט זָאגְט: "אַבִּיסְל מִיט אַבִּיסְל - פִילְט זִיךְ אָן אַ שִׁיסְל".

אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר דוּ זָאלְסְט זַיין פוּן דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר דַיינֶע מְלַמְּדִים אוּן פַאר אַלֶעמֶען.

וַוייז דֶעם שֵׁיינֶעם בְּרִיוו פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַאךְ נָאךְ דֶעם רֶבִּי'ן, גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, טוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק - וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אַ קְלֵיין קִינְד הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אַ קְלֵיין קִינְד הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זִיךְ טוֹבְל'ען אִין מִקְוֶה לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט עֶפֶּעס טוּן כְּדֵי זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין שַׁבָּת. אַמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזֶען אִין שׁוּל אַ אִיד זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים בַּיי זַיין שְׁטֶענְדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ וִויל אוֹיךְ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אַזוֹי וִוי דֶער אִיד וָואס זָאגְט שִׁיר הַשִּׁירִים אַזוֹי בַּא'טַעמְ'ט', הָאט עֶר זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִינֶעם שְׁטֶענְדֶער, דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ, זֵיי טוּעֶן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזִיצְן אִינֶעם שְׁטֶענְדֶער אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל אוֹיךְ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם שַׁבָּת, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק"**; דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט גֶעזִיצְן אַ לַאנְגֶע צַייט.

מַאךְ נָאךְ דֶעם רֶבִּי'ן; גֵיי אִין פֶעלְד שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אִין דִי תּוֹרָה, עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן אַ רֵיינֶעם הַארְץ אִים צוּ דִינֶען.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זַיין פוּן דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר דַיינֶע מְלַמְּדִים אוּן פַאר אַלֶעמֶען.

וַוייז דֶעם שֵׁיינֶעם בְּרִיוּו פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### לֶעבְּן מִיט שֵׂכֶל אִין שְׂטוּב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִין דִי וָואכְן וָואס דִי וַוייבּ וַוארְט לְמַזָּל טוֹב - דַארְף מֶען הָאבְּן שֵׂכֶל נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן וְכוּ׳, מֶען דַארְף רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זֵיי; אוֹיבּ מֶען לוֹיפְט זֵיי נָאךְ וְכוּ׳ אוּן דִי וַוייבּ הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, עֶס אִיז אִיר שְׁוֶוער - קֶען זַיין אַ בְּחִינָה פוּן דִי תֵּשַׁע מִידוֹת; בְּנֵי אֵימָה, בְּנֵי אֲנוּסָה (נְדָרִים כ:), וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל כ, לח): "וּבָרוֹתִי מִכֶּם הַמֹּרְדִים וְהַפּוֹשְׁעִים בִּי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### חַבֶר׳ט זִיךְ מִיט דִי וָואס זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג, וָואס פַארְגִינֶען אוּן מַאכְן נִישְׁט חוֹזֶק פוּן אַנְדֶערֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳, מַחֲנֶה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הֶער אוֹיף אַייךְ זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן אַז אִיר הָאט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע גוּטֶע מִידוֹת, אִיר בַּאדַאנְקְט זִיךְ יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג פַאר דִי וָואס מַאכְן דִי עֶסְן אוּן פַאר דִי וָואס טֵיילְן אוֹיס דִי עֶסְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיר וֵוייסְט אַוַדַאי וָואס מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט: "אִם כְּמִדָּתָהּ, כְּשֵׁרָה", אוֹיבּ מֶען הָאט גוּטֶע מִידוֹת אִיז דָאס אַ סִימָן אַז מֶען אִיז עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג; דֶער עִיקָר אִיז גוּטֶע מִידוֹת, בִּפְרָט דִי שֵׁיינֶע מִדָּה פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב, דִי וָואס בַּאדַאנְקֶען זִיךְ פַאר דִי וָואס טוּעֶן אוּן הֶעלְפְן - דִי וַוייזְן מִיט דֶעם אַז זֵיי זֶענֶען גוּטֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ הָאט הַכָּרַת הַטּוֹב.

חַבֶר׳ט זִיךְ מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג, דְרֵייט זִיךְ מִיט מֵיידְלֶעךְ וָואס פַארגִינֶען אַנְדֶערֶע אוּן מַאכְן נִישְׁט חוֹזֶק פוּן אַנְדֶערֶע.

וַוייזְט דֶעם בְּרִיוו פַאר אַייעֶרֶע חַבֶר׳טֶעס, זָאלְן זֵיי זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַייךְ אוּן אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִי גוּטֶע מִדָה פוּן הַכָּרַת הַטוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, מַחֲנֶה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס פִירְן זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי לֶערֶערִינְס, דִי לֶערֶערִינְס זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אַייךְ.

דֶרֶךְ אֶרֶץ וַוייזְט אוֹיף חָכְמָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רֶעכֶענֶען אוֹיס דִי סִימָנִים פוּן אַ חָכָם (אָבוֹת ה, ז), דִי עֶרְשְׁטֶע סִימָן אִיז: "אֵינוֹ מְדַבֵּר בִּפְנֵי מִי שֶׁהוּא גָדוֹל מִמֶּנּוּ בְּחָכְמָה וּבְמִנְיָן", דֶער קְלוּגֶער רֶעדְט נִישְׁט וֶוען עֶר שְׁטֵייט פַאר אֵיינֶער וָואס אִיז קְלִיגֶער אָדֶער עֶלְטֶער; דִי צְוֵוייטֶע סִימָן פוּן אַ חָכָם אִיז: "וְאֵינוֹ נִכְנָס לְתוֹךְ דִּבְרֵי חֲבֵרוֹ", עֶר הַאקְט נִישְׁט אִיבֶּער דִי רֵייד פוּן זַיין חַבֶר; אִין אַ קְלַאס פוּן עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער קֶען מֶען גְלַייךְ זֶען וֶוער זֶענֶען דִי חַכְמָנִיוֹת אוּן וֶוער זֶענֶען דִי טִפְּשִׁיוֹת.

גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה; אֲפִילוּ אִין בֵּית פֵיגָא דַארְף מֶען אוֹיךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט אוּן אִין קַיין שׁוּם פְּלַאץ אִיז מֶען נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט, אִיבֶּערָאל דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן נִיבּוּל פֶּה אוּן מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ פוּן נִיבּוּל פֶּה".

אִיךְ צִיטֶער זֵייעֶר אוֹיב מֶען רֶעדְט אִין קֶעמְפּ צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער פוּן נִיבוּל פֶּה; אַלֶע צָרוֹת קוּמֶען פוּן רֶעדְן נִיבוּל פֶּה.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט, רֶעדְט צוּ אִים אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ; אַז אַייךְ אִיז גְרִינְגֶער צוּ רֶעדְן אִין עֶנְגְלִישׁ - זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אִין עֶנְגְלִישׁ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט אַלֶע שְׁפְּרַאכְן, "כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִילַּת כָּל פֶּה", עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע מוֹיל וָואס בֶּעט פוּן אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט קוּקְן אִין אַ צְוֵוייטְנְ'ס טֶעלֶעפָאן, עֶס בְּרֶענְגְט נָאר קָאפּ וֵויי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קוּקְט נִישְׁט אִין אַ צְוֵוייטְנְ'ס טֶעלֶעפָאן; מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אִין אַ צְוֵוייטְנְ'ס פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶעם אַ חֵרֶם (בְּאֵר הַגּוֹלֶה יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן שלד), מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין יֶענֶעמְ'ס פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, עֶס אִיז 'גְּנֵבַת דַּעַת'. אוֹיךְ אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף (וַיִּקְרָא יט, טז): "לֹא תֵלֵךְ רָכִיל", אוּן אוֹיף (שַׁבָּת לא.): 'דַּעֲלָךְ סָנֵי', וָואס דוּ הָאסְט פַּיינְט - 'לְחַבְרָךְ לֹא תַעֲבִיד', זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן פַאר דַיין חָבֵר.

אוֹיךְ וֶועט אִיר הָאבְּן פוּן דֶעם נָאר קָאפּ וֵויי, אַז אִיר וֶועט זֶען פְּרִיוַואטֶע בִּילְדֶער, אַז אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער הָאט קַיין שֵׂכֶל נִישְׁט אוּן זִי כַאפְּט אָפּ פְּרִיוַואטֶע בִּילְדֶער פוּן זִיךְ אוּן פוּן אִיר מַאן; וָואס פֶּעלְט אַייךְ אוֹיס צָרוֹת? וָואס פֶּעלְט אַייךְ אוֹיס קָאפּ וֵויי?!

עֶס אִיז טַאקֶע דֶער נַאטוּר בַּיי פְרוֹיעֶן צוּ אַרַיינְקְרִיכְן בַּיי יֶענֶעמְ'ס קִישְׁקֶעס. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יג.): "אֵין אִשָּׁה מִתְקַנְּאָה אֶלָּא

בְּיָרֵךְ חֲבֵירְתָּהּ", אַ פְרוֹי גְלוּסְט צוּ וִויסְן וָואס טוּט זִיךְ בַּיים חַבֶר'טֶע; נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (טָהֳרוֹת ז, ט): "שֶׁהַנָּשִׁים גַּרְגְּרָנִיּוֹת הֵן, שֶׁהִיא חֲשׁוּדָה לְגַלּוֹת אֶת הַקְּדֵרָה שֶׁל חֲבֶרְתָּהּ, לֵידַע מַה הִיא מְבַשֶּׁלֶת", פְּרוּוֶען הָאבְּן אַ נַאטוּר פוּן נֵייגֶערִיגְקֵייט, אוּן אַז אַ פְרוֹי אִיז אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְנְ'ס שְׁטוּב הָאט זִי זִיכֶער אוֹיפְגֶעעֶפְנְט דִי דֶעקֶל פוּנֶעם טָאפּ, קוּקְן וָואס יֶענֶער קָאכְט; אָבֶער לָאזְט דָאס פַאר אַנְדֶערֶע, אִיר זָאלְט נִישְׁט קוּקְן אִין יֶענֶעמְ'ס זַאכְן.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶר עֶרְלִיכֶער מַאן, פַאר אַייעֶרֶע זִיסֶע קִינְדֶער. אַז אִיר זֶענְט נֵייגֶערִיג, אִיר ווִילְט עֶפֶּעס וויסְן – זָאלְט אִיר קוּקְן אִין דִי בְּרִיוו פוּן צַדִיקִים; לֵיינְט דִי בְּרִיוו נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן זוּכְט אוֹיף דִי בְּרִיוו וָואס אִיז אַייךְ מְחַזֵק אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס צוּ קֶענֶען מְקַיֵים זַיין.

נֶעמְט זִיךְ פָאר נִישְׁט נֶעמֶען אַ צְוֵוייטְנְ'ס טֶעלֶעפָאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פְרֶעגְט אַייעֶרֶע סְפֵיקוֹת אוּן בַּאקוּמְט גוּטֶע עֵצוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', מַחֲנֶה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

הַאלְטְס אַייךְ נִישְׁט צוּרִיק פוּן שְׁרַייבְּן בְּרִיוו אוּן פְרֶעגְן אַייעֶרֶע סְפֵיקוֹת אוּן בַּאקוּמֶען גוּטֶע עֵצוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סו): "מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ, וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת", וֶוער עֶס פְרֶעגְט אַלֶע זַיינֶע סְפֵיקוֹת פוּן זַיין רֶבִּי, "אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ", אוּן אֲפִילוּ זַיין רֶבִּי פַארְשֶׁעמְט אִים פְרֶעגְט עֶר נָאכְאַלְץ זַיינֶע סְפֵיקוֹת, "עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה, שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ", וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין גְרֶעסֶערֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים ווִי זַיין רֶבִּי; דָאס לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) דָוִד הַמֶּלֶךְ פְלֶעגְט פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי: "יָפֶה דַּנְתִּי? יָפֶה חִיַּבְתִּי? יָפֶה זִכִּיתִי? יָפֶה טִהַרְתִּי? יָפֶה טִמֵּאתִי?" הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶועוְן צוּ הָאבְּן אַ זוּן וָואס אִיז גֶעוֶועוְן גְרֶעסֶער אִין לֶערְנֶען פוּן זַיין רֶבִּי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע פְרַיינְדְשַׁאפְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

וֶוען אִיר לֵייגְט שְׁלָאפְן דִי מֵיידְלֶעךְ אִין קֶעמְפּ זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע פְרַיינְדְשַׁאפְט; רֶעדְט צוּ זֵיי קְלָארֶע וֶוערְטֶער, זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְנְ'ס קֶערְפֶּער, זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פִירְן ווִי דִי מִצְרִי'שֶׁע פְרוֹיעֶן אוּן דִי כְּנַעֲנִי'שֶׁע פְרוֹיעֶן, וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (וַיִּקְרָא יח, ג): "כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם אֲשֶׁר יְשַׁבְתֶּם בָּהּ לֹא תַעֲשׂוּ, וּכְמַעֲשֵׂה אֶרֶץ כְּנַעַן אֲשֶׁר אֲנִי מֵבִיא אֶתְכֶם שָׁמָּה, לֹא תַעֲשׂוּ".

זָאגְט זֵיי: "מֶען מֶעג הָאבְּן חַבֶרְ'טֶעס, עֶס אִיז גוּט צוּ הָאבְּן חַבֶרְ'טֶעס - כָּל זְמַן עֶס אִיז גֶעזוּנְט; מֶען רֶעדְט, מֶען שְׁמוּעֶסְט, מֶען הָאט אַ גוּטֶע צַייט אִינְאֵיינֶעם, אַלֶעס פֵיין אוּן וואוֹיל, אָבֶּער אַז אַ מֵיידְל אָדֶער סַיי וֶוער אִין דִי וֶועלְט ווִיל זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט דַיין קֶערְפֶּער - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט לָאזְן, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְדֶעם חַתוּנָה הָאבְּן, דִי לֶעבְּן וֶוערְט אוֹיס".

מִיט אֵיין שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע שֵׂכֶל'דִיגֶע שְׁמוּעֶס פַאר מֵיידְלֶעךְ קֶען מֶען זֵיי פָּשׁוּט אָפְּרַאטֶעוֶועוְן לְדוֹרוֹת.

...

**נִישְׁט מוּטְשֶׁען דִי עֶלְטֶערְן, מוּטְשֶׁען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ״ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; וָואס קֶענֶען זֵיי טוּן? וָואס זֶענֶען זֵיי שׁוּלְדִיג אַז זֵיי הָאבְּן אַ זוּן וָואס עֶס גֵייט אִים נָאכְנִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ? וָואס ווִילְט אִיר פוּן זֵיי? אִיר מֵיינְט אַז זֵיי ווִילְן אַייךְ נִישְׁט אַ כַּלָּה מַאכְן? זֵיי ווַוארְטְן מֶען זָאל זֵיי אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אַייעֶר בְּרוּדֶער, זֵיי ווִילְן אִים נִישְׁט ווֵיי טוּן, אִיז פַארְוָואס זָאלְט אִיר זֵיי מוּטְשֶׁען? עֶנְדֶערְשׁ מוּטְשֶׁעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מַיין בְּרוּדֶער זָאל טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב, אוּן אוֹיךְ אִיךְ".**

מוּטְשֶׁעט נִישְׁט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; אִיר הָאט טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי זֶענֶען אַייךְ גְרֵייט אַ כַּלָּה צוּ מַאכְן הַיינְט, זֵיי ווִילְן אָבֶער נִישְׁט ווֵיי טוּן אַייעֶר בְּרוּדֶער; וָואלְט אַייעֶר בְּרוּדֶער גֶעוֶוען עֶלְטֶער - וָואלְט מֶען דֶעמָאלְט גֶעדַארְפְט זֶען וָואס צוּ טוּן, אַייעֶר בְּרוּדֶער אִיז יֶעצְט גֶעוָוארְן אַכְצְן יָאר אוּן אִיר זֶענְט זִיבֶּעצְן יָאר; אִיז וָואס זָאלְט אִיר זֵיי ווֵיי טוּן...

זַייט נִישְׁט בֵּייז אוֹיף מִיר, אִיךְ ווֵייס אַז עֶס אִיז אַייךְ בִּיטֶער שְׁוֶוער, אִיר ווִילְט שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיר ווִילְט שׁוֹין הָאבְּן אַייעֶר לֶעבְּן מִיט אַייעֶר מַאן, אִיר ווִילְט שׁוֹין זַיין פְרֵיילִיךְ; אִיךְ ווֵייס זֵייעֶר גוּט וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער, דָאךְ זָאלְט אִיר רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי נִישְׁט מוּטְשֶׁען.

נָאכְאַמָאל, מוּטְשֶׁעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְס אִים מִיט רַחְמָנוּת, נִישְׁט מִיט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; בֶּעטְס אִים: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ ווִיל שׁוֹין הָאבְּן מַיין לֶעבְּן, מַיין גֶעצֶעלְט, מַיין לִיבְשַׁאפְט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אוּן הֶעלְף מַיין בְּרוּדֶער זָאל שׁוֹין טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ".**

תְּפִלָּה מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת.

...

### פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, כ"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ׳, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג צוּ הֶערְן וָואס אִיר זֶענְט אַרִיבֶּער וְכוּ׳ וְכוּ׳; אֵיינֶער פוּן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה הָאט אַייךְ בַּאצְוִוינְגֶען רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן יֶעצְט וֶוען אִיר שְׁטֵייט אֵיידֶער אַייעֶר חֲתוּנָה - וֶוערְט אַייךְ שְׁלֶעכְט, אִיר קֶענְט נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיר שְׁפִּירְט וִוי אִיר קֶענְט עֶס נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן.

וִויסְן זָאלְט אִיר אַ כְּלַל אִין לֶעבְּן: "פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועג אַרַיין אִינֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אִיז בְּוַדַּאי דָא אַ וֶועג אַרוֹיס"; בִּפְרַט אַז מֶען בַּאנוּצְט זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת', מֶען בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּנֶעם צָרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט מַמָּשׁ אַזַא מַעֲשֶׂה, פוּן אַ כַּלָּה וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (מַעֲשֶׂה א, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת) מֶען הָאט פְּרוּבִּירְט גֵיין צוּ אַלֶע סָארְט טֶערֶעפִּי, צוּ אַלֶע גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן אוּן ווילְדֶע מֶענְטְשְׁן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג אִיר אוֹיסְצוּהֵיילְן, בִּיז מֶען הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן אַ גָאלְדֶענֶע בַּארְג אוּן אַ פֶּערְל שְׁלָאס, דֶעם צַדִּיקְ׳ס עֵצוֹת פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בִּיז מֶען הָאט אִיר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע.

זָארְגְט נִישְׁט, הָאט נִישְׁט מוֹרָא, גֵייט צוּ מַאמֶע רָחֵלְ׳ס קֶבֶר אוּן זָאגְט דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג:

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם, נָאךְ אַבִּיסְל גֵיי אִיךְ חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן לֶעבְּן מִיט אַ מַאן, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אַלְס מֵיידְל וֶוען מֶען הָאט מִיךְ בַּאצְוִוינְגֶען מִיט אַן עֲבֵירָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, אַנְשְׁטָאט אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דִי**

חֲתוּנָה טָאג װערט נֶענְטֶער און נֶענְטֶער - װער אִיךְ מֶער דֶערְשְׁרָאקֶן, וַוייל עֶס קוּמְט מִיר אַרוֹיף דָאס וָואס מֶען הָאט מִיךְ בַּאצְװוּינְגֶען מִיט עֲבֵירוֹת.

אָנָּא ה׳ הֶעלְף מִיר, נֶעם אַרוֹיס פוּן מִיר דִי פַּחַד און לֵייג אַרַיין אִין מִיר אַ שִׂמְחָה, אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל װעלְן חֲתוּנָה הָאבְּן און װעלְן לֶעבְּן מִיט אַ מַאן אַזוֹי וִוי אַלֶע גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן לֶעבְּן, הֵייל מִיךְ אוֹיס, מַאךְ מִיךְ רוּאִיג, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פַארְגֶעסְן וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר און אִיךְ זָאל װערְן גֶעזוּנְט.

אָנָּא ה׳, אִיךְ וִויל אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, צוּ וִויסְן און גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי װעלְט אוֹיסֶער דִיר, דוּ בִּיסְט אַלֶעס, דוּ מַאכְסְט אַלֶעס, דוּ טוּסְט אַלֶעס; נִישְׁטָא קַיין מְצִיאוּת אָן דִיר. אִיךְ וִויל אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, וַוייל נָאר מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען לֶעבְּן; אַזוֹי הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים גֶעזָאגְט: ׳מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה׳, װער עֶס הָאט אֱמוּנָה - ׳חַיָּיו חַיִּים׳, לֶעבְּט אַ לֶעבְּן; הֶעלְף מִיר זִיסֶער טַאטֶע אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ לוֹיטֶערֶע און קְלָארֶע אֱמוּנָה, וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ הָאסְט זִיךְ פַּארְשְׁטֶעלְט אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר.

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֵיין צוּ מַיין חֲתוּנָה מִיט שִׂמְחָה, און מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן זָאל װערְן נָאךְ מֶער און נָאךְ מֶער פְרֵיילִיךְ, אָמֵן״.

אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ, אוֹיבּ אִיר װעט נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן עֶרְנְסְט, אִיר װעט זָאגְן דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג בִּיז דִי חֲתוּנָה - װעט אִיר גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט שִׂמְחָה און אִיר װעט װעלְן לֶעבְּן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, עֶר אִיז מִיט דִיר בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב; שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים, מֶען זָאגְט בַּיים רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בֶּענְטְשְׁן "מְנַחֵם-אָב" - וַוייל מִיר טְרֵייסְטְן דֶעם טַאטְן, מִיר טְרֵייסְטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מִיר טוּעֶן.

אוֹיךְ שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים אַז דַוְקָא יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן חוּרְבָּן אִיז נִתְגַלֶּה גֶעוָוארְן דָאס לִיבְּשַׁאפְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ אוּנְז. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא נד:) וֶוען דִי גוֹיִם זֶענֶען אַרַיין אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים חָרוּב מַאכְן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ - זֶענֶען דִי כְּרוּבִים גֶעוֶוען מְעוּרִים זֶה בָּזֶה, דָאס אִיז דִי סִימָן פוּן לִיבְּשַׁאפְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

וואוּ דוּ בִּיסְט אוּן אִין וֶועלְכֶע מַצָב דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, עֶר אִיז מִיט דִיר בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, אוּן אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דֶעם - אִיז אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ; אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דִי מַחֲשָׁבָה 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר' - גֵייט אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ, דָאס אִיז דְבֵיקוּת בַּה׳.

מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט בָּאדְן פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בִּיז מוֹצָאֵי ט׳ בְּאָב לְשֵׁם תַּעֲנוּג, אָבֶּער לְצֹרֶךְ מִצְוָה, אָדֶער לִרְפוּאָה, אָדֶער וֶוען מֶען טוּט דָאס אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען דִי שְׁוֵוייס - מֶעג מֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

### אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי בְּרִידֶער בַּיים שְׁווימֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; אוֹי וִוי גְלִיקְלִיךְ אִיז דִי פְרוֹי וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ אַ מַאן וָואס פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אוּן בֶּעטְס אוֹיף וַוייטֶער; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאן אוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַייעֶרֶע דוֹרוֹת זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן גֵיין נָאר בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע אוֹיבּ מֶען מֶעג גֵיין שְׁווימֶען מִיט קִינְדֶער בְּרִידֶער; אִיר קֶענְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַייעֶרֶע בְּרִידֶער בַּיים שְׁווימֶען, אָבֶּער נִישְׁט שְׁווימֶען מִיט זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### צוּרִיק דִי אַלְטֶע גוּטֶע אוּן אֵיידֶעלֶע תַּלְמִידָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס אִיר זֶענְט אַ גוּט קִינְד, אוּן אִיךְ וֵוייס פוּן אַ גַאנְץ יָאר וִוי גוּט אוּן אֵיידְל אִיר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט, דֶערִיבֶּער הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן צוּ הֶערְן אַז יֶעצְט זוּמֶער הָאט אִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ פִירְן קִינְדִישׁ אָן קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ׳ הָאט מִיר גֶעזָאגְט זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס הָאט פַּאסִירְט, אַז זִי הָאט אַייךְ גֶערוּפְן אוּן אִיר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלַאכְט, אִיר זֶענְט וַוייטֶער

גֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ נִיטְאַמָאל וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן אִיר, זִי זָאגְט מִיר: "דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער ...".

יֶעצְט אַז אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר הָאט זִיךְ בַּאנַארִישְׁט אוּן אִיר זֶענְט צוּרִיק דִי אַלְטֶע ... תְּחִיֶ' - פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אוּן אִיךְ בִּין אַייךְ מוֹחֵל.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר וֶועט זַיין אַ גוּטֶע בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אֵיידְלְקֵייט, צוּ דִי תּוֹרָה אוּן צוּ גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן צַדִיקִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת דְבָרִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג
לִפְרָט קָטָן
מָרַת .. תְּחִיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען קֶען אוֹיסַארְבֶּעטְן נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן קַיין עֶסְן, נָאר גֶעבְּן פַּאר מִשְׁפָּחוֹת - אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה; סַיי נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף בַּל תַּשְׁחִית אוּן סַיי הֶעלְפְן מִשְׁפָּחוֹת וָואס קֶענֶען נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן, זֵיי לֶעבְּן אִין דַחְקוּת.

דִי מֵיידְל ... תְּחִיֶ' אִיז זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט, אִיר דַארְף מֶען זֵייעֶר אוֹיפְבּוֹיעֶן; זִי קוּמְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ נִישְׁט וַוייל זִי ווִיל נִישְׁט, נָאר וַוייל זִי אִיז זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט וְכוּ'.

רֶעדְט מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ, שְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי - פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן זַיין אַ אִידִישֶׁע אֵיידֶעלֶע פְּרוֹי; לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אֵיידְלְקֵייט, אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה אוּן צוּ גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן צַדִיקִים.

בְּנוֹגֵעַ דִי מוּזִיק ווִידִיאוֹ וָואס אִיר גֵייט מַאכְן מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ, ווִיל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, מַאכְט זִיכֶער עֶס זָאל זַיין אוֹיף אוּנְזֶערֶע הַשְׁקָפָה; נֶעמְט וַוייבְּלֶעךְ וָואס זוּכְן

נִישְׁט נָאכְצוּמַאכְן דִי וֶועלְט, נֶעמְט תַּלְמִידוֹת וָואס זֵייעֶר קָאפּ אוּן מֹחַ אִיז ׳דֶער רֶבִּי׳ אוּן ׳מוֹהֲרָא״ש׳, נִישְׁט וַוייבְּלֶעךְ וָואס הָאבְּן שׁוֹין גֶעקוּקְט אַזוֹיפִיל מָאוִויס אִין לֶעבְּן אוּן גֶעהֶערְט אַזוֹיפִיל נִישְׁט אִידִישֶׁע נִיגוּנִים וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ׳ס גַשְׁמִיוּת אוּן פַאר דִי אֵייגֶענֶע רוּחָנִיוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זָאלְט זָארְגְן פַאר אַייעֶר מַאנְ׳ס גַשְׁמִיוּת, עֶס זָאל אִים זַיין גוּט אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל זַיין גוּטֶע עֶסְן, קְלֵיידֶער אוּן אַ פְרֵיילִיכֶע וַוייבּ - דֶעמָאלְט וֶועט זַיין רוּחָנִיוּת זַיין גוּט.

דִי אַלֶע פְּרוּוְוֶען וָואס זָארְגְן טָאג אוּן נַאכְט פַאר דִי מַאנְ׳ס שְׁמִירַת עֵינַיִם וְכַדוֹמֶה - דָאס אִיז נִישְׁט גוּט אוּן נִישְׁט גֶעזוּנְט, מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אַזוֹי.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דִי וָואךְ בַּאזוּכְן אִין תְּפִיסָה, דִי אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל גֵייעֶן אִין תְּפִיסוֹת בַּאזוּכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן דִי חֶסֶד. זָאגְט מִיר אַ אִיד וָואס זִיצְט שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן אִין תְּפִיסָה אַז יֶעצְט אִיז זֵיי דָארְט שְׁוֶוער, וַוייל זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶם רָב אִין תְּפִיסָה, וָואס זָארְגְט פַאר דִי אַרֶעסְטַאנְטְנְ׳ס רוּחָנִיוּת, עֶר זָארְגְט זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען חֲסִידוּת וְכַדוֹמֶה. דִי אַרֶעסְטַאנְטְן בֶּעטְן זִיךְ ׳בְּרֶענְג אוּנְז עֶסְן, בְּרֶענְג אוּנְז טְרִינְקֶען׳; זָאגְט עֶר: ״מַיין פְלִיכְט אִיז עֶנְק מְזַכֶּה זַיין מִיט לֶערְנֶען חֲסִידוּת״.

דִי אַרֶעסְטַאנְטְן זָאגְן, קוֹדֶם אִיז גֶעוֶוען אַ רָב וָואס הָאט סַאטְמֶערֶע בְּלוּט, עֶר הָאט נָאר גֶעזָארְגְט פַאר זֵייעֶר גַשְׁמִיוּת, עֶר הָאט זֵיי מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען, עֶר הָאט זֵיי שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט גוּטֶע עֶסְן אוּן גֶעזָארְגְט פַאר זֵייעֶר גַשְׁמִיוּת; דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין לֶעבְּן, זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ׳ס גַשְׁמִיוּת אוּן פַאר דִי אֵייגֶענֶע רוּחָנִיוּת.

זָארְגְט פַאר אֵיין זַאךְ פַאר אַייעֶר מַאן, עֶס זָאל אִים זַיין גוט אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל אִים זַיין בַּאקְוֶועם אִין שְׁטוּבּ; דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, זָארְגְן פַאר דִי אֵייגֶענֶע רוּחָנִיּוּת אוּן פַארְן מַאן'ס גַשְׁמִיּוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעפִילְן פוּן אַנְדֶערֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ', מַחֲנֶה בֵּית פֵּיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן אַנְדֶערֶע אוּן גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי גֶעפִילְן פוּן אַנְדֶערֶע, אוּן אַז אִיר וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן אַ מֵיידְל וָואס שְׁלֶעפְּט זִיךְ נָאךְ נָאךְ אַייךְ - זָאלְט אִיר זִי חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֵויי טוּן.

גֶעוֶוענְלִיךְ דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס שְׁלֶעפְּן זִיךְ נָאךְ נָאךְ אַנְדֶערֶע - דִי זֶענֶען צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער, וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיינֶעם, דֶערִיבֶּער זוּכְן זֵיי אַ קִינְד מִיט אַ גוּטֶע הַארְץ אוּן זֵיי שְׁלֶעפְּן זִיךְ נָאךְ נָאךְ זֵיי; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער זִיךְ גוּט שְׁפִּירְן.

גֵייט שֵׁיין אָנְגֶעטוּן, נִישְׁט שְׁלֶעפֶּעריש אוּן שְׁלַאבֶּעריש; גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרוֹיס פוּן דִי פְּחָדִים דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעצְט זֶעט אִיר אַלֵיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה; אַלֶע פְּחָדִים זֶענֶען אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן וְוי אִין וַואסֶער אַרַיין. דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת זֶענְט אִיר אַרוֹיס פוּן דִי פְּחָדִים; אִיר הָאט מֶער נִישְׁט מוֹרָא פוּן זַיין אִין שְׁטוּבּ, אִיר וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן יֶעדֶע בְּלֶעטְל וָואס שָׁאקְלְט זִיךְ אוֹיפְן בּוֹים.

זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט תְּפִלָּה, אוּן אַוַדַאי זָאלְט אִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים, אַז אִיר הָאט אַ טֵייעֶרער מַאן אַ יְרֵא שָׁמַיִם, מִיט גוּטֶע מִידוֹת אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים וְכוּ'.

עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן טְרָאגְן אַחְרָיוּת וְוי אַזוֹי זֵיי טוּעֶן זִיךְ אָן, עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן מוּזְן זִיךְ אָנְטוּן שֵׁיין. אִיר דַארְפְט זִיךְ אָנְטוּן מִיט טַעַם וְכוּ'; קוֹיפְט זִיךְ אַיין שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער אַז אִיר זָאלְט צֵייגְן גוּט, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן רַייךְ.

אִיךְ בֶּעט עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק, סֵיי פוּן אַייךְ אוּן סֵיי פוּן אַלֶע עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן, מֶען מוּז גֵיין אָנְגֶעטוּן וְוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען טְרָאגְט אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת דְבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז דָא עֶפֶּעס בֶּעסֶער'ס וְוי לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; עֶס הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, בִּפְרַט מִיטְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) מֶען זָאל לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, מֶען זָאל זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא - אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ מְחַיֶה; דָאס לֶעבְּן וֶוערְט אַזוֹי גוּט אוּן אַזוֹי גֶעשְׁמַאק.

זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען; אַ שָׁאד דִי

וֶועלְט וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דִי זִיסֶע עֵצָה פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין, מֶען קֶען לֶערְנֶען דוּרְךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער, מֶען קֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען פַארְגֶעסְט. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ): "וְדַע שֶׁלֶּעָתִיד מַזְכִּירִין אֶת הָאָדָם כָּל מַה שֶׁלָּמַד, אַף אִם שָׁכַח", אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען דִי נְשָׁמָה אַלֶעס וָואס זִי הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן פַארְגֶעסְן, "גַּם בְּנֵי אָדָם הַשּׁוֹמְעִים הַתּוֹרָה שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְאֵינָם מְבִינִים אוֹתָהּ", אַזוֹי אוֹיךְ, אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען לֶערְנְט - "לֶעָתִיד, בָּעוֹלָם הַבָּא, יָבִינוּ", וֶועט מֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עִקַּר הַתּוֹרָה הִיא לְהַנְּשָׁמוֹת", וַוייל דֶער עִיקָר וָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז פַאר דִי נְשָׁמָה, "שֶׁבָּעוֹלָם הַבָּא יִהְיוּ הַנְּשָׁמוֹת בְּקִיאִים וּמַשִּׂיגִים הֵיטֵב אֶת הַתּוֹרָה שֶׁלָּמַד וְשָׁמַע הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה", אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זָאלְן דִי נְשָׁמוֹת פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט, "אַשְׁרֵי הַמְבַלֶּה יָמָיו בְּתוֹרָה וַעֲבוֹדָה הַרְבֵּה", ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט תּוֹרָה אוּן מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי קוּנְטְרֵס לִיקְט פוּן אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי שֵׁיין, פִּינְקְטְלִיךְ אוּן גֶעשְׁמַאק אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת דְבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁטֶע בְּרִיוו, דִי לִיקְט פוּן אֱמוּנָה נוּמֶער נַיין אוּן צְוָואנְצִיג (29); עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי גֶעשְׁמַאק אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוּן אַזוֹי פִּינְקְטְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, אַייעֶר זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' וּמְחַזֵּק; דָאס אִיז זֵייעֶר וֶועג-וַוייזֶער אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶערְלֶעךְ אוּן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ כֹּחַ אוּן אַ בְּרָכָה אִין אַייעֶר צַייט, צוּ קֶענֶען טוּן אוּן טוּן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיד וֶוערְן.

...

## זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' אוּן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל. עֶס אִיז בַּאוְוּיסְט אַז דֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז צוּ אַלֶעס הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען פוּן שִׂמְחַת הַמִּצְוֹת; עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט פַארְדִינְט אַ הוֹן רַב. אוּן דִי עֲבוֹדָה פוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט מִצְוֹת קֶענֶען מִיר פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ טוּן; וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען דַארְף טוּן עֲבוֹדוֹת וִוי 'פַאסְטְן' אוּן 'זִיךְ פַּיינִיגְן', אוּן דָאס מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דִי צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז נִישְׁט פַאסְטְן, אוּן נִישְׁט דִי סָארְט עֲבוֹדוֹת - אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נָאר שִׂמְחָה; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי', אוּן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט - דָאס בְּרֶענְגְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ.

...

## דִי גַבָּאִים דַארְפְן זָארְגְן דִי מִתְפַּלְלִים זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן הַנָאָה הָאבְּן אִין שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַזוֹי וִוי מִיר גֵייעֶן בְּקָרוֹב עֶפֶענֶען דֶעם זִיבֶּעטְן שׁוּל אִין שְׁטֶעטְל, אוֹיף רְחוֹב יְרוּשָׁלַיִם; וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן צוּ זַיין גַבְּאַי אִינְאֵיינֶעם מִיט הָרַב יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף שְׁלִיטָ״א.

זַיין אַ גַבְּאַי אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, בִּפְרַט אִין אַ שׁוּל וָואס אִיז עַל שֵׁם רַבֵּינוּ - אִיז דָאס אַ שִׁמּוּשׁ רַבֵּינוּ.

זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל זַיין רֵיין אוּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען אִין שׁוּל אוּן עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען זָאל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאוֶוענֶען. דִי גַבָּאִים דַארְפְן זָארְגְן פַאר דִי מִתְפַּלְלִים אַלֶע זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן הַנָאָה הָאבְּן אִין שׁוּל.

אִיךְ וֶועל נָאךְ רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים, לָאז מִיר וִויסְן אוֹיבּ דוּ נֶעמְסְט אָן דִי הֵיילִיגֶע אַמְט.

דִי שְׁטֶעטְל שְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּיי זִיבְּן שׁוּלְן; הָאשְׁקִי, אֲשֶׁר בַּנַחַל, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן אוּן יֶעצְט הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.

...

## רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ בַּייצוּשְׁטֵיין דִי נִסְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר. דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, זַיי נָאר שְׁטַארְק אִין דַאוֶוענֶען דְרֵיי תְּפִילוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן אוּן זַיי שְׁטַארְק אִין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג קְצָת מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא וַהֲלָכָה.

פְּרוּבִיר אוֹיס דִי זִיסֶע עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַלֶעס וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מִיט דִיר; וִוי עֶר מַאכְט דִיר מְשׁוּגָע מִיט בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶערְצֵייל אַלֶעס פַּארְן בַּאשֶׁעפֶער; דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ בַּייצוּשְׁטֵיין דִי נִסְיוֹנוֹת.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

...

### גֵיין אָנְגֶעטוּן בַּיים דַאוֶונֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר דִי קְהִילָה; וָואס מֶען טוּט פַאר דִי קְהִילָה - אִיז אַ שִׁמּוּשׁ פַּארְן רֶבִּי'ן, אוּן אַז מֶען אִיז מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי'ן - אִיז דָאס אַ נִצְחִיוּת.

דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְלַמְּדִים הָאבְּן אַן אַחְרַיוּת וִוי אַזוֹי זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף, וִוי אַזוֹי זֵיי טוּעֶן זִיךְ אָן; אַ מְלַמֵּד דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט עֶרְלִיכֶער קְלֵיידֶער; אַז אַ מְלַמֵּד וֶועט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אָן אַ הוּט אוּן רֶעקְל - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת, אַנְדֶערְשׁ וִוי סְתַּם אַ מֶענְטְשׁ. אַזוֹי אוֹיךְ אַ גַבַּאי, דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַז נִישְׁט בְּרֶענְגְט דָאס אַרָאפּ דָאס חֲשִׁיבוּת פוּנֶעם שׁוּל.

הַכְּלָל, עֶס אִיז דָא אַ צְוִוישְׁנְשֵׁייד פוּן אֵיינֶער וָואס הָאט אַ חָשׁוּבְ'עֶ פָּאסְטְן בִּיז אֵיינֶער וָואס נִישְׁט; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.

אִיךְ זֶע מַמָּשׁ וָואס מוֹהֲרַ"ש פְלֶעגְט מִיר זָאגְן לְגַבֵּי דִי יְשִׁיבָה, אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען פוּן קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע יְשִׁיבָה; יֶעצְט אִיז דָאס אוֹיךְ בַּיי דִי חֵדֶר, סְקוּל אוּן אוּנְזֶער הֶערְלִיכֶע קְהִילָה אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

טוּט עֶס פַּאר עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, נָאךְ אַבִּיסֶל קוּמֶען דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל; דַארְף מֶען זֵיי וַוייזְן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף קוּמֶען אִין שׁוּל.

...

**חַזֶר'ט זִיךְ דִי וֶוערְטֶער 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט', דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָאג, דִי יָארְצַייט פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק דֶער אַרִיזַ"ל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; וואוּנְטְשׁ אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

נֶעמְט זִיךְ פָּאר צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג קַאפִּיטְל ק', מִזְמוֹר לְתוֹדָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב) אַז דִי קַאפִּיטְל אִיז מְסוּגָל צוּ גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער, אוּן חַזֶר'ט זִיךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן "כִּי טוֹב הַשֵּׁם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, עֶר טוּט נָאר גוּטְס אוּן אֲפִילוּ מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס עֶר טוּט אוּן וָואס עֶר מַאכְט - אִיז דָאס נָאר גוּט; דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַלֶעמֶען.

זָארְגְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער.

...

**וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל, דַארְף מֶען קוּמֶען מִיט רֶעסְפֶּעקְט**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ'**

זַייט מְחַזֵק אַייעֶר מַאן עֶר זָאל קוּמֶען אִין שׁוּל אָנְגֶעטוּן, זָאגְט אִים עֶר זָאל נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה; אַ שָׁאד עֶר זָאל וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ אַייעֶרֶע בְּרִידֶער. עֶר פְלֶעגְט זַיין אַן אֵיידֶעלֶער, עֶר פְלֶעגְט גֵיין אָנְגֶעטוּן קְלַאסִישׁ; יֶעצְט זֶעט עֶר אוֹיס אַזוֹי נָאכְגֶעלָאזְט, בִּילִיג, זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין.

בַּיים אַרְבֶּעטְן אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל, אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הוֹיז - דַארְף מֶען קוּמֶען מִיט רֶעסְפֶּעקְט; אַ שׁוּל אִיז נִישְׁט קַיין קְרֶעטְשְׁמֶע.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אִיר קֶענְט אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן, אִיר קֶענְט אִים מְחַזֵּק זַיין אוֹיף דֶעם; וַוייל בִּיז דִי חֲתוּנָּה אִיז דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען, עֶר אִיז אַלְץ גֶעוֶוען אַ בֶּן מֶלֶךְ; דַארְף מֶען אִים מְחַזֵּק זַיין עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְטוּן ווִי אַ בֶּן הַשִּׁפְחָה.

טוּט עֶס פַּאר עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, נָאךְ אַבִּיסְל קוּמֶען דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל; דַארְף מֶען זֵיי וַוייזְן ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף קוּמֶען אִין שׁוּל.

...

### זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ צוּרִיק אָנְטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

בְּרֶענְג נִישְׁט אַרָאפּ דַיין וַוייבּ; אַלְס מֵיידְל אִיז זִי גֶעוֶוען זֵייעֶר אֵיידְל, זִי פְלֶעגְט זִיךְ אָנְטוּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל, יֶעצְט גֵייט זִי אָנְגֶעטוּן נִישְׁט שֵׁיין; אַ שָׁאד אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט אִיר אַרָאפּ.

קֶען זַיין דוּ בִּיסְט יוּנְג, עֶס קָאכְט אִין דִיר דִי בְּלוּט, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זִיךְ, דוּ מֵיינְסְט אַז קוּרְץ, אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן, טֵייט - דָאס מַאכְט פְרֵיילִיךְ, דָאס מַאכְט פֶעסְט, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, עֶס מַאכְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, עֶס מַאכְט נִישְׁט צוּפְרִידְן.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ צוּרִיק אָנְטוּן אַזוֹי ווִי אַלְס מֵיידְל, אֵיידְל אוּן שֵׁיין; דָאס וֶועט מַאכְן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס, שְׁמוּעֶס מִיט אִים; וֶועסְטוּ צוּקוּמֶען צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אַ בַּעַל מַדְרֵיגָה.

...

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארן מִיר הֶעלְפְן מִיט מַיין נְסִיעָה קַיין אוּמַאן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ...**

דָאס אִיז אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, אַ מַעֲשֶׂה נֵס - אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעהָאלְפְן מִיט מַיין נְסִיעָה קַיין אוּמַאן.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צָאלְן פַאר מַיינֶע טִיקֶעטְס, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נָאךְ גֶעדַארְפְט הָאבְּן שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער; אִיךְ פָאר דִי יָאר מִיט פִינְף קִינְדֶער, אוֹיסֶער מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ נֵס, אוּן דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען וִוי פוּן הִימְל מִיר הֶעלְפְן.

אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה מִיט וְכוּ׳. אִיךְ וֶועל בְּלִי נֶדֶר בֶּעטְן פַאר דִיר פַאר דֶעם פְּרַט - בִּיז דוּ וֶועסְט מִיר דֶערְצֵיילְן וִוי אַלֶעס הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט לְטוֹבָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

...

**בּוֹי זִיךְ אַ מִקְדָּשׁ מְעַט אוּן לֶעבּ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ הָאסְט אַ וואוּילֶע וַוייבּ, אַן עֶרְלִיכֶע וַוייבּ; זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן וָואס זִי זָאגְט דִיר - זָאלְסְטוּ טוּן.

נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ וואוּילֶע עֶרְלִיכֶע פְרוֹי; זַיי אִיר מְכַבֵּד, שֶׁעצְ אִיר אוּן טוּ וָואס זִי זָאגְט.

שְׁלֶעפּ אִיר נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב, מַאךְ אִיר נִישְׁט מְשׁוּגָע. הֶער אוֹיף רֶעדְן צוּ אִיר פוּן וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל. מַאךְ נִישְׁט מְשׁוּגָע; שְׁטֶעטְל הָאט גָארְנִישְׁט מִיט זַיין בְּרֶסְלֶב, קֶענְסְט וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן אוּן דוּ קֶענְסְט וואוֹינֶען טוֹיזְנְט מַייל פוּן שְׁטֶעטְל אוּן זַיין דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּן אוּן אָטֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן.

בְּרוּדֶער, פָּאלְג מִיךְ, לָאז אָפּ, הֶער אוֹיף אִיר צוּ שְׁלֶעפְּן קַיין בְּרֶסְלֶב; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ אַרַיינְנֶעמֶען בְּרֶסְלֶב בַּיי דִיר אִין הַארֶץ. קוֹיף זִיךְ אַ הוֹיז אִין ... אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ בּוֹיעֶן אַ מִקְדָּשׁ מְעַט, לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה.

...

## מִשְׁנַיוֹת אוּן תְּפִילָּה וֶועט דִיר הֶעלְפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

דַיין גֶעוֵויין הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט, אָבֶּער אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ נֶעמְסְט נִישְׁט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת.

אַז עֶס בְּרֶענְט אִין דִיר תַּאֲוֹת נִאוּף, דוּ וֶוערְסְט מַמָּשׁ מְשׁוּגָּע פוּן נָאכְקוּקְן יֶעדֶע מֵיידְל אוּן יֶעדֶע וַוייבְּל, אוּן ווִיפִיל דוּ מַאכְסְט אָפּ אַז דוּ גֵייסְט הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן - וֶוערְסְטוּ אַזוֹי מְשׁוּגָּע אַז דוּ קֶענְסְט גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר קוּקְן אוֹיף זֵיי אוּן אַרָאפְּפַאלְן אוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן; אָבֶּער דוּ טוּסְט נִישְׁט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, וָואלְסְטוּ יֶעדְן טָאג גֶעזָאגְט פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת - וָואלְסְטוּ זִיךְ גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, הַאלְט מִיט זִיךְ אַ מִשְׁנַיוֹת'ל אוּן זָאג אַ מִשְׁנָה אוּן נָאךְ אַ מִשְׁנָה; דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בִּי דוּ טְרֶעפְסְט דַיין שִׁידוּךְ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ רַאטֶעוֶוען, דוּ זָאלְסְט קֶענֶען הִיטְן דִי אוֹיגְן; דִי צְוֵויי עֵצוֹת וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן.

...

**די וָואס בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן, הֶעלְפְן אִין יְשִׁיבָה, הָאבְּן מֶער שַׁאנְס צוּ בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט שׁוֹין פְרֶעגְן דֶעם שָׁכֵן ... אוֹיבּ מִיר וֶועלְן קֶענֶען אוֹיךְ דִי יָאר דִינְגֶען דֶעם פְּלַאץ אַנְטְקֶעגְן דִי יְשִׁיבָה צוּ קֶענֶען מַאכְן דִי סוּכָּה, וַוייל מֶען קוּמְט שׁוֹין נֶענְטֶער צוּ דִי יָמִים טוֹבִים; מִיר פָארְן שׁוֹין קַיין אוּמַאן אוּן מִיר דַארְפְן שׁוֹין זָארְגְן פַאר אַ סוּכָּה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בַּאשְׁטֶעלְן טְרִינְקֶען אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַאר חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה, וַוייל דִי טָאג וָואס מִיר הוֹיבְּן אָן חֵדֶר, מָאנְטָאג כִּי תָבוֹא - וֶועט זַיין אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, דִינְסְטָאג אוֹיךְ אוּן מִיטְוָואךְ אוֹיךְ. דָאס הֵייסְט מִיר קוּמֶען אַהֵיים פוּן שְׁטֶעטְל זוּנְטָאג, אוּן מָאנְטָאג הוֹיבְּט זִיךְ אָן גְלַייךְ דִי אַרְבֶּעט; זָאלְסְטוּ שׁוֹין זָארְגְן אַלֶעס זָאל זַיין גְרֵייט.

אוֹיךְ אִיז כְּדַאי צוּ אִיבֶּער-פֶּעינְטְן דִי יְשִׁיבָה; דִי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן דִי לָאנְטְשׁ רוּם. מֶען דַארְף דָאס שׁוֹין טוּן וַוייל אִין פִינְף וָואכְן - גֵייעֶן מִיר שׁוֹין צוּרִיק.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר, בְּעִיקָר מִיטְן גֶעבְּן אַרְבֶּעט פַאר דִי בָּחוּרִים, זֵיי אַרַיינְנֶעמֶען אִין דִי אַרְבֶּעט זֵיי זָאלְן בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן; וַוייל אַלֶע וָואס בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן, הֶעלְפְן אִין יְשִׁיבָה - דִי הָאבְּן מֶער שַׁאנְס צוּ בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן.

...

# הקונטרס לט"נ האה"ח
# הענ׳א ע"ה בת הר"ר דוב שליט"א

## נפטרה בערש"ק חזון אחה"צ תשפ"ג
## וזכתה לבוא למנוחתה סמוך לכניסת השבת